ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתצ"ג
פרשת בלק
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' תצט) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' דוד גאלדשטיין הי"ו**

## המלמד את בן חברו תורה כאילו ילדו

קומענדיגע וואך מאנטאג ח"י תמוז איז די יארצייט פון מורי ורבי הרה"ח ר' **פנחס בערקאוויטש** ע"ה, דער געטרייער מלמד אין די תלמוד תורה, ביי וועמען איך האב אסאך קונה געוועזן. ער האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין זש"ק ל"ע.

פאר א יאר בשנת תשפ"ד בין איך ארויסגעפארן ח"י תמוז אויף זיין ציון אין בית החיים דקהלתינו הק' אין לאנג-איילענד, און איך האב דארט געצינדן א לעכט, געלערנט א משנה און מתפלל געוועזן, און נאכדעם האב איך געזאגט "**המלמד בן חברו תורה כאילו ילדו, איך בין דיין תלמיד, איך רעכן זיך ווי א אייגן קינד, איך האב קינדער אין שידוכים, און איך דארף א ישועה**"...

בחסדי ה', נאך בעפאר תשעה באב איז מיין טאכטער געוועזן א כלה בשטומ"צ.

הוי אומר, א געטרייער מלמד, זארגט זיך פאר זיינע תלמידים.

ז' תק) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' דוד שמואל גאלדבערגער הי"ו**

## דער רבי וויל וויסן פשט אין די רש"י...

מיין עלטער זיידע הרה"ח ר' משה יודא גאלדבערגער ז"ל האט געוואוינט אין עטשעד, און ער פלעגט פון דארט פארן קיין סיגעט צום הייליגן **קדושת יו"ט** זלה"ה.

איז געוועזן אמאל ווען ער איז געוועזן אויף שב"ק ביים **קדושת יו"ט**, און ער האט באגעגענט **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** - וועלכער איז דעמאלטס נאך געוועזן א קליין אינגל - האט ער אים צוגערופן און געפרעגט א פשט אין רש"י. און דער רבי האט נישט געוואוסט צו מסביר זיין די רש"י. האט דער רבי געבעטן אז דער זיידע זאל אים זאגן דעם פשט, האט דער זיידע געזאגט ווערטלדיג "אויב וועסטו מיר מארגן ברענגען קוגל, שיריים פונעם טאטן, וועל איך דיר זאגן פשט אין די רש"י".

מיין זיידע ר' משה יודא האט שוין געהאט פארגעסן פונעם שמועס, אבער מארגן ביים טיש זעהט מען ווי דער קליינער יואל'יש לויפט ארום מיט א שטיקל קוגל אין די האנט ער זוכט רבי משה יודא גאלדבערגער, ווייל ער וויל וויסן פשט אין די רש"י...

ז' תקא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר קהל יט"ל

## מ'גרייט זיך צום יום טוב...

**הרה"ק רבי איציקל ז"ל מפשעווארסק** פלעגט שיקן בעפאר יעדן יו"ט געלט קיין לאנדאן, פאר **כ"ק הגה"צ רבי נפתלי צבי לאבין ז"ל האדמו"ר מזידיטשוב**, אן אייניקל פונעם הייליגן **עטרת צבי** זלה"ה, וועלכער איז געוועזן א ת"ח ובנש"ק וואס איז געזעסן על התורה ועל העבודה מתוך הדחק.

איינמאל שבעה עשר בתמוז האט רבי איציקל עקסטער צוגעגרייט אן ענוועלאפ מיט א סכום געלט פארן זידיטשובער רבי'ן. צו די וואונדער פון די מקורבים האט ער געזאגט "ביים חטא העגל שטייט "חג לה' מחר"... ווען משיח וועט קומען וועלן דאך די אלע תעניתים זיין א יו"ט, קומט אויס אז שבעה עשר בתמוז וועט זיין א יו"ט, ממילא דארף מען שיקן געלט אויף יום טוב...

ז' תקב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' זאב וואלף גליק הי"ו** יו"ר הוצאת ספרי רבינו שליט"א

## אני לדודי ודודי לי

במשך די זומער חדשים פלעגט **כ"ק מרן רבינו הברך משה** זלה"ה ארויסקומען קיין קרית יואל בביתו נאוה קודש אויף איהעל קט.

אין די פריע תש"ן יארן איז הרה"ג ר' **שמואל הכהן פריעדמאן** שליט"א משב"ק, נאך געוועזן א מלמד אין ת"ת, און נאכן חדר פלעגט ער אריבערקומען לערנען מיטן רבי'ן. האב איך געהאט א קביעות אין די ערשטע נאכמיטאג שעות אריבער צו גיין לביתו נאוה קודש, און געווענליך פלעגט דער רבי דעמאלטס ארויסגיין אויף א שפאציר אינעם גארטן אונטער די דירה, און אזוי האב איך זוכה געוועזן צו קענען נהנה זיין מלא חפניים מחנותו של בושם.

תחת אחת השיחי"ם איז אויסגעקומען צו רעדן פון הגאון בעל **שואל ומשיב** ז"ל דער לעמבערגער רב, און איך האב זיך אויסגעדרוקט "דער **ישועות יעקב** איז אים געוועזן א פעטער, ווייל דער שואל ומשיב איז געוועזן אן איידעם ביי הגאון רבי **יצחק אהרן איטינגא**, און ר' יצחק אהרן איז געוועזן אן איידעם ביי רבי **מרדכי זאב איטינגא הראשון**, דער פאטער פונעם ישועות יעקב".

זאגט דער רבי "ניין, ער איז געוועזן אן עלטער פעטער".

האב איך איבערגעזאגט פארן רבי'ן נאכאמאל דעם יחוס, וואס לויט דעם קומט אויס אז ער איז געוועזן א פעטער, א שוואגער מיט זיין שווער. אבער דער רבי זאגט נאכאמאל אז ער איז געוועזן אן עלטער פעטער ווייל דער שואל ומשיב ברענגט מערערע מאל דעם ישועות יעקב אין זיינע תשובות, און יעדעס מאל שרייבט ער "דודי זקיני", דאס מיינט אז ער איז געוועזן אן עלטער פעטער.

אינמיטן דעם שמועס האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט, ווילנדיג ארויסנעמען דעם שואל ומשיב פון שאנק, איך בין געלאפן פאראויס און געברענגט דעם שואל ומשיב, עס איז געוועזן א פלא ווי שנעל דער רבי האט געבלעטערט און געוויזן אינעווייניג איינמאל און נאכאמאל ווי דער שואל ומשיב שרייבט אויפן ישועות יעקב 'דו"ז', וואס דאס מיינט אן עלטער פעטער. (עי' מהדו"ק ח"ג סי' יא, סי' צ', סי' ר"ו, מהדו"ת ח"ב סי' ו', ח"ב סי' ז' ועוד).

איך האב פרובירט צו זאגן אז אפשר קען זיין אז ווען ער שרייבט ראשי תיבות 'דו"ז' זאל מיינען '**דוד זוגתי**'. אבער דער רבי האט מיר גארנישט געענטפערט, עס האט אויסגעזעהן ווי ער איז דאס נישט מקבל.

מיט א קורצע צייט צוריק האב איך געטראפן אין א ספר באשריבן דער גאנצער יחוס פונעם שואל ומשיב, דארט שטייט אז דער זיידע פונעם שואל ומשיב - זיין מאמעס טאטע - **הגאון רבי דוב בעריש היילפערין** ז"ל אב"ד ברעזשאן איז געוועזן אן איידעם ביי הגה"ק רבי **מרדכי זאב איטינגא** הראשון ז"ל, קומט אויס אז ער איז טאקע געוועזן אן עלטער פעטער פארן שואל ומשיב. האב איך געזעהן אז דער רבי איז מעיקרו געוועזן גערעכט, כאטש שפעטער נאך די חתונה איז ער אים געוועזן א פעטער, איז ער אבער פאראויס שוין געוועזן אן עלטער-פעטער.

בעיקר איז געוועזן א פלא דעם רבי'נס בקיאות און בהירות בע"פ אין שו"ת שואל ומשיב, און ווי ער האט נישט געהאט ביי זיך קיין ספק אז אויב האט ער אזוי געשריבן איז דאס דער מציאות.

ז' תקג) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' פינחס בראך הי"ו**

## שני נביאים מתנבאים

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' **פרץ לעפקאוויטש** ע"ה פון אנטווערפן, אז ער האט אמאל געהאט די זכי' צו זיין די אכסניא של תורה פאר **כ"ק אדמו"ר הרה"צ רבי יוסף פאנעט** זלה"ה דער דעעשער רבי ווען ער איז געקומען קיין אנטווערפן, און ער האט זיך דארט אויפגעהאלטן לצרכי מצוה.

ווען ער איז אהיים געפארן האט אים ר' פרץ געפירט מיט זיין קאר צום עירפארט, ביים געזעגענען זאגט דער דעעשער רבי " **פ'רץ ב'ן ל'אה** איז ר"ת בגימ' דער שם **יב"ק** דאס איז א שם קדוש". דאס מיינט "**י'עננו ב'יום ק'ראינו**", און ער רבי האט אים געוואונטשן מערערע ברכות.

פון עירפארט האט ער זיך צוריק געיאגט צו קענען כאפן תפילת מנחה אין ביהמ"ד פון **הרה"ק רבי איציקל**, ווי נאר ער קומט אריין אין ביהמ"ד פרעגט אים רבי איציקל "וואו איז דער דעעשער רבי? האט ער געענטפערט "כ'קום יעצט פון עירפארט, איך האב אים באגלייט אויפן וועג אהיים".

זאגט רבי רבי איציקל "א פלא, **פ'רץ ב'ן ל'אה** איז בגי' **יב"ק, יעננו ביום קראינו**".

עס איז געוועזן קלאר אז די צדיקים האבן מכוין געוועזן די זעלבע מחשבות און כוונות.

ז׳ תקד) עס דערציילט אונזער איידע
**הרה״ח ר׳ יושע מענדלאוויטש שליט״א** מטב״ק

## בצלו ישבתי ופריו מתוק לחכי (ט׳)

חול המועד סוכות תש״כ בין איך געווארן בר מצוה. מיין טאטע הרה״ח ר׳ ישראל בער ז״ל שו״ב איז אריין מיט מיר פרעגן דעם רבי׳ן וועגן תפילין לייגן אין טאג פון די בר מצוה, האט דער רבי געזאגט אז מיר זאלן קומען חול המועד צופרי אכט אזייגער אין זיין קליינע סוכה, און ער וועט מיר לייגן תפילין.

דעמאלט איז דעם רבי׳נס סוכה געווען אונטן אין קליינע הויף פון 500 בעדפארד, מיר זענען דארט געווען אין די צייט, דער רבי האט האט מיר געהייסן ׳נישט מאכן קיין ברכה׳ צוליב חול המועד, און נאכן תפילין לייגן אריינגיין אין קליינעם בית המדרש (דארט איז געווען דעמאלט ליידיג) און זאגן ברכות און דאווענען פון פארנט, און ביי די קריאת שמע פון פארנט זאגן אלע דריי פרשיות. דערנאך זאל איך גיין אין בית המדרש דאווענען בציבור אן די תפילין.

ביים תפילין לייגן האט דער רבי אנגעקוקט מיין האנט און געזאגט ״דיין האנט איז נאך צו קורץ צו מאכן א ש׳ (דריי רצועות) אויפן ארעם״, דעריבער האט ער געהייסן גלייך מאכן די זיבן רצועות, און האט געזאגט ״וועסט דו וועסט עלטער ווערן, דיין האנט וועט זיין לענגער, זאלסטו דא אויבן נעבן די תפילין של יד, אויך מאכן דריי רצועות״.

נאכן ארויפדרייען די זיבן רצועות, האב איך געוואלט מיין טאטע זאל פרעגן דעם רבי׳ן ווי אזוי צו דרייען די רצועות אויפן פינגער, האב איך מיר אויסגעדרייט צו מיין טאטן, כ׳האב פארגעסן אז מ׳טאר נישט אויסרעדן... אבער נאך איידער כ׳האב געקענט ארויסרעדן א ווארט האט דער רבי מיך אנגעכאפט מיין האנט און געזאגט ״דו האסט טאקע נישט געמאכט קיין ברכה, אבער מ׳טאר דאך נישט מפסיק זיין צווישן של יד און של ראש״...

דערנאך האט מיין טאטע געזאגט פארן רבי׳ן היות אז ער דארף גיין שחט׳ן, און ער קען נישט מיטהאלטן דעם רבי׳נס דאווענען, אויב איך וועל קענען עולה זיין ביים רבי׳נס מנין, האט דער רבי געזאגט ״איך ווייס דאך נישט ווער ס׳וועט דארט דאווענען, אפשר וועלן זיין רבנים וואס מ׳וועט זיי דארפן מכבד זיין, קודם גיי אין בית המדרש דאווענען און זאלסט עולה זיין, דערנאך אז מ׳וועט קענען וועסטו עולה זיין נאכאמאל״.

וכך הוה, איך האב געדאווענט אין בית המדרש יענעם טאג צופרי און איך האב עולה געווען ביי א זייטיגע מנין.

מיין טאטע ע״ה האט מיר נישט געקענט אויסווארטן - וויל ער האט געדארפט שחט׳ן חול המועד אז אידן זאלן האבן פלייש אויף די צווייטע טעג יו״ט - דעריבער בין איך אליינס געגאנגען צום רבי׳נס חול המועד דאווענען.

דעמאלט פלעגט זיך צוזאמען קומען גאר א גרויסער ציבור אידן צו מיטהאלטן די געוואלדיגע עבודה פון רבי׳ן, די הלל מיט נגונים, און הושענות, עס איז געווען פון די גרויסע הייליגע עבודות ביים רבי׳ן וואס האט געדויערט שעה׳ן לאנג.

שפעט נאכמיטאג ווען מ׳האט שוין געהאלטן ביים ליינען בין איך געשטאנען אין א ווינקל, איך בין געווען זיכער אז דער רבי וועט נישט געדענקן נאך אזא ריזיגע הייליגע עבודה פון מיין עלי׳ (ס׳איז גראדע געווען דארט עטליכע חשוב׳ע רבנים, אבער זיי האבן שוין געהאט געדאווענט פון פריער, זיי זענען נאר געקומען זיך צוקוקן צום רבי׳נס הייליגע עבודה).

אבער ווי נאר דער בעל קורא הרה״ח רבי שמעון לויפער ע״ה - דעם רבי׳נס פלומעניק - האט געענדיגט ליינען די עלי׳ פון לוי, זאגט אים דער רבי עפעס אריין אין אויער - לכאורה אז ס׳איז דא א בר מצוה בחור - און ר׳ שמעון רופט גלייך אויס הויך ״ס׳איז דא ערגעץ א בר מצוה בחור?״ דער גאנצער עולם האט אנגעהויבן זיך ארום קוקן, איך בין טאקע גלייך צוגעגאנגען און עולה געווען.

ז׳ תקה) עס דערציילט אונזער איידע
**הרה״ח ר׳ משולם יאקאבאוויטש הי״ו**

## כל אשר יאמר אליך שמע בקולו

מיין טאטע הרה״ח ר׳ אביגדור יאקאבאוויטש ז״ל איז געווען א בארימטער בעל צדקה וחסד, וואס ער האט אלע יארן געטון בגופו ובמאודו.

גאר באזונדער האט ער געהאט א געפיל צו די קהילה קדושה אין בוענאס איירעס, און ער האט אסאך ארויסגעהאלפן דעם רב **הגה״צ רבי קלונימוס אליעזר עקשטיין זלה״ה** אויף אלע אופנים. אזוי אויך האט ער ממשיך געווען ארויסצוהעלפן די פעולות נשגבות פון בנו וממשיך דרכו הגה״צ **רבי אברהם עקשטיין שליט״א** ווי דער טאטע איז געווען פון די הנהלת מוסדות ארגענטינא פאר א תקופה.

ביי אונז אין שטוב האבן זיך אלס געדרייט ספרדי׳שע בחורים וואס זענען געקומען לערנען אין די סאטמארע ישיבה אין סענדז סט. און ווען די ישיבה איז געווען פארמאכט בשבתות וימים טובים, איז געווען זייער אכסניא ביי אונז אין שטוב, בהשתדלות הגה״צ **רבי אברהם** שליט״א וועלכער איז געווען דער משגיח פאר די בחורים אין די ישיבה בימים ההם.

עס איז געווען א יונגער 14-15 יעריגער ספרדי׳שער בחור׳ל וואס האט ביי אונז געוואוינט ווי א בן בית, אזוי ווייט אז דער טאטע ע״ה פלעגט דערציילן אז ער איז אמאל אריין צום רבי׳ן זצ״ל מיט א קוויטל ערב יוה״ק נאכמיטאג האט ער אריינגעשריבן זיין נאמען אינעם קוויטל. דער רבי קוקט דאס קוויטל און ער פרעגט ״ווער איז דאס?״.

זאגט דער משב״ק ר׳ מאיר דייטש הי״ו מיט א ווערטל ״אביגדור׳ס א קינד״...

דער רבי האט געקוקט אויפן טאטן, ער האט געזעהן אז דער נאמען שטימט נישט אינעם קוויטל, האט דער טאטע געענטפערט ״כ׳האב אריינגענומען אין שטוב א ספרד׳ישער בחור׳ל פון הרב עקשטיין״.

האט דער רבי געזאגט בלש״ק **״האסט זייער גוט געטון, זאלסט אים אויך חתונה מאכן״...** פארשטייט זיך אז פקודתו שמרה רוחו.

ב. דער בחור׳ל האט זייער געוואלט אהיים פארן קיין ארגענטינא צו זיין משפחה, אין יענע תקופה איז **הגה״צ רבי אברהם עקשטיין שליט״א אב״ד בוענאס איירעס** געווען דער משגיח אויף די בחורים אין די ישיבה, און ער האט געהאלטן אז לפי המצב וואלט נישט געווען קיין תועלת אז דער בחור זאל אהיים פארן.

ווען דער בחור האט געמוטשעט אז ער וויל אהיים פארן, האט אים רבי אברהם געפרעגט ״ביסט גרייט צו קומען פרעגן דעם רבי׳ן?!״, אזוי זענען זיי געגאנגען עטליכע מאל פרעגן, און דער רבי האט אלץ געענטפערט ״נישט פארן, ער זאל בלייבן״.

(במאמר המוסגר: עס דערציילט דער בוענאס איירעסער רב שליט״א אז דאס איז נישט געווען אזא לייכטע תשובה, און ווען ער איז אריין מיט א צווייטן בחור מיט א ענליכע שאלה, האט דער רבי געענטפערט ״ער קען פארן אבער ער זאל האבן שטאנד-האפט״ ד.ה. ״זיין אליין געגנוג שטארק, קעגן דעם מציאות״).

איינמאל האט מיין חשוב׳ע מאמע תחי׳ געזאגט פאר מיין טאטן ע״ה ״איך האב מורא אז רבי אברהם איז זייער מחמיר, גיי דו אליין פרעגן ביים רבי׳ן צי דער בחור מעג אהיים פארן״.

מיין טאטע איז אליין אריבער געגאנגען צום רבי׳ן, און איבערגעפרעגט די שאלה צי דער בחור מעג אהיים פארן, און ער האט אויסגעשמועסט וואס די מאמע זאגט, עס איז געווען א פלא ווי דער רבי האט געענטפערט **״זאלסט הארכן וואס ר׳ אברהם זאגט, ער ווייסט וואס ער רעדט״...**

דער בחור האט ב״ה אויפגעשטעלט א דור ישרים ומבורך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה.

ז׳ תקו) עס האט דערציילט אונזער איידע
**הרה״ח ר׳ מרדכי גאלדבערגער ע״ה**

## שתוליכנו לשלום... טוהן חסד בשלימות...

איך האב שוין געהאט א אייגענע קאר אין די בראשית יארן, אין יענע יארן ווען רוב היימישע אידן פון וויליאמסבורג האבן נאכנישט געדרייווט. אזוי האב איך מערערע מאל זוכה געווען צו פירן דעם רבי׳ן מיט מיין קאר צו פארשידענע פלעצער ווי דער רבי האט געדארפט אנקומען.

דער רבי פלעגט זיך אלעמאל אריינזעצן אינעם אונטערשטן זיץ אין די קאר, און די משמשים זענען געזעצן בייביידע זייטן.

איינמאל זענען מיר געפארן קיין קראון הייטס צו א מסיבה, דער רבי איז געזעסן פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות, און נישט באמערקט וואס טוט זיך ארום.

אונטערוועגנס האט א איד אפגעשטעלט די קאר און געבעטן א היטש, אבער ווען ער האט אריינגעקוקט און געזעהן אז דער רבי זיצט אין די קאר איז ער אוועק געשפרונגען... ער האט נישט געקלערט צו כאפן א היטש אין די קאר ווי דער רבי פארט...

דער רבי האט זיך פונקט אויפגעכאפט און געפרעגט ״וואס איז דא געווען?״, האב איך געזאגט אז א איד האט געוואלט נעמען א היטש, אבער ער האט געזעהן אז דער רבי איז אין די קאר האט ער נישט געוואלט אריינקומען״.

זאגט דער רבי ״וואס?! מ׳איז געפארן ווייטער?! מ׳האט געלאזט א איד שטיין אויפן וועג?!״, און דער רבי האט פארלאנגט אז מ׳זאל צוריק פארן דעם וועג און נעמען דעם איד צו זיין ציהל.

איך האב פרובירט צו זאגן פארן רבי׳ן אז עס איז א גרויסער אומוועג, אבער דער רבי האט נאר געזאגט ״וואס הייסט? היתכן, מ׳לאזט א איד שטיין אינמיטן וועג?!״.

בלית ברירה זענען מיר צוריק געפארן און אויפגענומען דעם איד, און אים אפגעטראגן למחוז חפצו לחיים ולשלום. און הערשט נאכדעם זענען מיר געפארן ווייטער מיטן רבי׳ן צו אונזער ציהל.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**